# אוצר השבת

ארויסגעגעבן פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## יום הכיפורים

## מִנְחָה בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים

**מִנְחָה** יוֹם כִּיפּוּר דאווענט מען אין די צייט וואס איז שוֹין נאכן אוועק שיקן דעם ציג קֵיין עֲזָאזֵל, וואס דעמאלס איז שוֹין נישטא קֵיין מְקַטְרֵג, דערפאר זאל מען דאווענען מִנְחָה מִיט גרויס כַּוָּנָה און גלאסן. **שַׁעַר הַמֶּלֶךְ שַׁעַר ו' פ"ט**

**טייל** צַדִּיקִים האָבן זיך געפירט אַז זֵיי האָבן צוגעיאגט דעם מִנְחָה, כְּדֵי זֵיי זאלן קענען דאווענען נְעִילָה מִיט גרויס דְּבֵיקוּת. **אוֹר הָאֱמֶת**

**הגה"ק** מהר"י מִבֶּעלְזָא זי"ע האָט געזאגט אַז צְוֵויי מָאהל אין יאָר וואס מען דארף צוּ דאווענען שְׁנֶעל און דער יֵצֶר הָרָע שטארק זיך אַז יעצט זאל מען דאווענען געלאסן, אֵיין מָאהל איז בֵּיי מִנְחָה יוֹם הַכִּפּוּרִים, און איינמאהל שַׁחֲרִית עֶרֶב פֶּסַח. **מַחְזוֹר דִּבְרֵי יוֹאֵל אוֹת קפ"ה**

### פארוואס ליינט מען די פָּרָשָׁה פון עֲרָיוֹת

**צוּ** מִנְחָה נעמט מען ארויס אֵיין סֵפֶר תּוֹרָה און מען ליינט די פָּרָשָׁה פון עֲרָיוֹת, דער טַעַם דערפון איז וַוייל אִים יוֹם כִּיפּוּר איז מען נישט מוֹחֵל די עֲבֵירוֹת ביז ווילאנג מען טוהט תְּשׁוּבָה, דערפאר ליינט מען די פָּרָשָׁה כְּדֵי מען זאל זיך דערמאנען פון אַן עֲבֵירָה וואס מען האָט עוֹבֵר געווען כְּדֵי מען זאל יעצט תְּשׁוּבָה טוהן דערויף, און הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וועט אִים מוֹחֵל זַיין. **סֵפֶר מַטְעַמִּים**

**תּוֹס'** זאגט דעם טַעַם וויבאלד די פרויען זענען אנגעטאן שֵׁיין לִכְבוֹד יוֹם הַכִּפּוּרִים, דערפאר דארף מען צוּ דערמאנען אַז מען זאל נישט געשטויכלט ווערן. **סוֹף מְגִילָה**

**דער** חֲתַם סוֹפֵר פרעגט אויף דעם תּוֹס' אויב אזוי וואלט ווען בעסער געווען אַז די פרויען זאלן זיך נישט אנטוהן שיין ווי איידער צו ברענגן מענער צו א מִכְשׁוֹל, אַז מען זאל דערפאר דארפן ליינען די פרשה פון עֲרָיוֹת אויסצוהיילן דעם מִכְשׁוֹל.

**נאר** דער אֱמֶת איז אַז א בַּעַל תְּשׁוּבָה דארף תְּשׁוּבָה טוהן אויף דעם זעלבן פלאץ און אויף דעם זעלבן אוֹפַן ווי עֶר איז געשטרויכעלט געווארן, די פרויען ווערן געשטרויכעלט רוֹב יאָר מִיט זייערע נישט צְנִיעוּת'דיגע קליידונג, די מענער ווערן געשטרויכעלט אַז זֵיי היטן נישט זייערע אויגן, דערפאר דעם הייליגן טאג יוֹם כִּיפּוּר וואס איז א טאג פון תְּשׁוּבָה טוהט מען זיך אָהן שֵׁיין נאָר לִכְבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אָן קֵיין שׁוּם אַנְדֶערְע שלעכטע מַחֲשָׁבָה, די מענער היטן שטארק אָפּ זייערע אויגן נישט פון צוּ קוקן אויף זֵיי, כְּדֵי זֵיי זאלן נישט טראכטן קֵיין שלעכטע מַחֲשָׁבוֹת, איז דאס די ריכטיגע תְּשׁוּבָה אַז מען זאל בֶּאֱמֶת נישט צוקומען עוֹבֵר צוּ זַיין קֵיין עֲבֵירָה, דערפאר ליינט מען די פָּרָשָׁה פון עֲרָיוֹת צוּ דערמאנען דעם עִנְיַן. **תּוֹרַת מֹשֶׁה ליוהכ"פ**

**אִין** מִדְרַשׁ שטייט דערפאר ליינט מען די פָּרָשָׁה פון עֲרָיוֹת, וַוייל אִידִישֶׁע קינדער ווילֶן מאַכן דערמיט א רֶמֶז פאר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אזוי ווי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט אונז פארבאטן פון די עֲבֵירָה גִּלּוּי עֲרָיוֹת, אזוי אויך זאל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נישט אויפדעקן אונזערע שאַנְד. **מִדְרַשׁ**

**נָאךְ** א טַעַם שטייט וויבאלד יוֹם הַכִּפּוּרִים פלעגן די בְּנוֹת יִשְׂרָאֵל ארויסגיין אין ווייגגערטנער אנגעטאן אין ווייס, מְרַמֵּז צוּ זַיין אַז היינט זענען זֵיי ריין פון דעם יֵצֶר הָרָע, דערפאר ליינט מען אין די זעלבע צייט די פָּרָשָׁה פון עֲרָיוֹת, כְּדֵי זֵיי אפצוטיילן פון דעם אִיסוּר.

**נָאךְ** א טַעַם שטייט וַוייל אין פָּרָשַׁת אַחֲרֵי ווערט דערמאנט פיר און צְוָואנְצִיג מִינֵי עֲרָיוֹת, אויך ווערט דערמאנט אין רַמְבַּ"ם פיר און צְוָואנְצִיג זאכן וואס האלטן אָפּ פון תְּשׁוּבָה [זעה אויבן בַּאֲרִיכוּת], פיר און צְוָואנְצִיג מָאהל ווערט דערמאנט דאס עִנְיַן פון כַּפָּרָה אין פָּרָשׁוֹת אֱמוֹר,

וואס קומט מְכַפֵּר זַיין אויף די פיר און צְוָואנְצִיג עֲבֵירוֹת וואס ווערן אויסגערעכנט אין סֵפֶר יְחֶזְקֵאל, און אויף די פיר און צְוָואנְצִיג מִינֵי עֲרָיוֹת וואס ווערן אויסגערעכנט אין פָּרָשַׁת אַחֲרֵי, אויך קומט דאס מְכַפֵּר צוּ זַיין אויף די פיר און צְוָואנְצִיג שָׁעָה פון טאג, און אויף דעם וואס איז עוֹבֵר אויף די פיר און צְוָואנְצִיג סְפָרִים פון תַּנַ"ךְ.

**רוֹקֵחַ מוּבָא בְּסֵפֶר מַטְעַמִּים**

**הָרַב** הַקָּדוֹשׁ רַבִּי בָּרוּךְ האלברשטאם זי"ע אבד"ק גארליץ איז אמאל יוֹם כִּיפּוּר פאר מִנְחָה צוגעגאנגען צוּ די בִּימָה און עֶר האָט אויסגערופן ווי פאלגענד: רַבּוֹתַי, עס איז פאר אונז שׁוֹין א דוֹרֶךְ געגאנגען גאנץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל דער חוֹדֶשׁ פון תְּשׁוּבָה, עס איז אויך שׁוֹין א דוֹרֶךְ די סְלִיחוֹת טעג, די צְוֵויי טעג פון רֹאשׁ הַשָּׁנָה, גאנץ עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ, מִיר האלטן שׁוֹין יעצט בֵּיי מִנְחָה צייט פון יוֹם הַקָּדוֹשׁ, אֶפְשָׁר קען איינער פון אונז דָא בֵּיי זיך טראכטן אַז עֶר איז שׁוֹין אנגעקומען צוּ עפעס א הויכע מַדְרֵיגָה אין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ. דערפאר לייענט מען יעצט די פָּרָשָׁה פון עֲרָיוֹת כְּדֵי יעדער זאל איינזעהן זַיין נידריגע מַצָּב וואס דעס טרעפט זיך בֵּיי אִים. **דִּבְרֵי בָּרוּךְ יוֹם כִּיפּוּר**

## מַפְטִיר יוֹנָה

**שׁטייט** אין סֵפֶר זְכוּתָא דְּאַבְרָהָם אַז דערפאר קויפט מען פאר גרעסער גֶעלְט הַפְטוֹרָה פון מַפְטִיר יוֹנָה ווי איידער די הַפְטוֹרָה פון בייטאג, וֵוייל אין די הַפְטוֹרָה איז כּוֹלֵל אין זיך צְוֵויי זאכן, אַז א גאנצע שְׁטָאט האָט געזינדיגט אנקעגן הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, און אַז זֵיי האָבן תְּשׁוּבָה געטאן, וואס מען טרעפט נישט אין קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע הַפְטוֹרָה, דערפאר וויל יעדער דאס עוֹלֶה זַיין אַז מען זאל זיך דערמאנען צוּ תְּשׁוּבָה. **זְכוּתָא דְּאַבְרָהָם**

**פוּן** מַפְטִיר יוֹנָה לערענט מען זיך די כֹּחַ פון תְּשׁוּבָה, און אויך אַז מען קען נישט אנטלויפן פון הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ.

**לְבוּשׁ סי' תרכ"ב**

**נָאךְ** א טַעַם קען מען זאגן דערפאר לייענט מען די פַּרְשָׁה פון אַחֲרֵי יוֹם כִּיפּוּר אינדערפרי ביי שַׁחֲרִית כְּדֵי צוּ דערמאנען דאס שטארבן פון די קינדער פון אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אַז דאס זאל מְכַפֵּר זַיין אויף אונזערע עֲבֵירוֹת, לויט דעם קען מען אויך זאגן אַז אין די הַפְטוֹרָה קען מען דאס אויך זאגן, וויבאלד אין די הַפְטוֹרָה שטייט וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו הַגִּידָה נָּא לָנוּ בַּאֲשֶׁר לְמִי הָרָעָה הַזֹּאת לָנוּ לְכָאוֹרָה איז שווער וויבאלד זֵיי האָבן שוין געמאכט א גוֹרָל און דער גוֹרָל איז אויסגעפאלן אויף יוֹנָה פארוואס האָבן זֵיי אִים געפרעגט בְּשֶׁל מִי הָרָעָה הַזֹּאת.

**נָאר** די כוונה קען זַיין אזוי, דער גוֹרָל איז נישט געווען בלויז צוּ וויסן ווען מען זאל אֲרַיין ווארפן אין יַם, נאָר דאס אַלֵיין פארוואס איז יוֹנָה שולדיג, צוּ איז דאס זיינע אייגענע עֲבֵירוֹת, אדער לייד עֶר צוליב זייערע עֲבֵירוֹת, האָבן זֵיי געפרעגט צוּ עֶר שֶׁפִּירְט ביי זיך עפעס אַן עֲבֵירָה, דעמאלס איז דאס צוליב אייגענע עֲבֵירוֹת, אדער שֶׁפִּירְט עֶר גארנישט קֵיין עֲבֵירָה נאר דער שטראף איז צוליב זייערע עֲבֵירוֹת, דערפאר האָבן זֵיי געפרעגט בְּשֶׁל מִי הָרָעָה הַזֹּאת לָנוּ.

**קוֹמט** אויס אַז דאס וואס צַדִּיקִים שטארבן איז צוליב דאס איז מְכַפֵּר אויף אַנְדֶערֶע, דערפאר לייענט מען דאס יוֹם כִּיפּוּר.

**חָכְמַת שְׁלֹמֹה או"ח סי' תרכ"ב**

**הָרַב** הַקָּדוֹשׁ רַבִּי מֵאִיר מפרימישלאן זי"ע האָט געפרעגט איינעם וואס פלעגט שְׁטֶענְדִיג קויפן מַפְטִיר יוֹנָה פאר טַייעֶר גֶעלְט עֶר זאל אִים מַסְבִּיר זַיין דעם טַעַם דערפון. האָט יענער אִים געענטפערט וויבאלד עס שטייט אין די הַפְטוֹרָה [יוֹנָה ג'] וְיָשֻׁבוּ אִישׁ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה וּמִן הֶחָמָס אֲשֶׁר בְּכַפֵּיהֶם - און די מענטשן זאלן רופן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיט שטארקייט, און זֵיי זאלן זיך אומקערן, יעדער מענטש פון זַיין שלעכטער וועֶג, און פון די גְּזֵלָה וואס איז אין זייערע הענט.

**האָט** רַבִּי מֵאִיר מפרימישלאן זי"ע אִים געזאגט אַז דער חֲשִׁיבוּת איז צוליב וואס מען דערמאנט דארט דעם פָּסוּק [יוֹנָה ג' ו'] וַיִּקְרַב אֵלָיו רַב הַחֹבֵל וַיֹּאמֶר לוֹ מַה לְּךָ נִרְדָּם, קוּם קְרָא אֶל אֱלֹקֶיךָ מען זאל נישט זַיין פארשלאפן נאָר טוהן וואס מען קען נאָר וֵוייל דאס איז דער עִיקָר, דערפאר לייענט מען די הַפְטוֹרָה.

**אֶלֶף כָּתַב ווערבוי**

## פארוואס ענדיגט מען די הַפְטוֹרָה מִיט די בְּרָכָה פון מָגֵן דָוִד

**דער** טַעַם פארוואס מען ענדיגט די הַפְטוֹרָה מִיט די בְּרָכָה פון מָגֵן דָוִד און מען זאגט נישט צוּ נָאךְ די בְּרָכָה פון עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה, אזוי ווי מען האָט געזאגט אינדערפרי, וֵוייל מען האָלְט שׁוֹין יעצט נָאךְ דעם סֵדֶר פון די עֲבוֹדָה, דערפאר זאגט מען נישט די בְּרָכָה פון די עֲבוֹדָה. **סֵפֶר מַטְעַמִּים**

**די** גְּמָרָא זאגט אַז יוֹנָה הַנָּבִיא איז געווען א נָבִיא אֱמֶת.

**סַנְהֶדְרִין י"א**

**דער** מִדְרַשׁ זאגט אַז יוֹנָה הַנָּבִיא איז געווען א צַדִּיק גָּמוּר, עֶר איז אֲרַיין אין גַּן-עֵדֶן לעבעדיגערהייט.

**מִדְרַשׁ שׁוֹחֵ"ט כ"ו ז'**

**עֶר** איז געווען גרויס ווי אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא. **מִשְׁנַת ר"א ח'**

**יוֹנָה** הַנָּבִיא איז געווען איינער פון די אכט און פערציג נְבִיאִים און זיבן נְבִיאוֹת וואס די גְּמָרָא רעכנט אויס אַז זייער נְבוּאָה איז פארשריבן געווארן לְדוֹרוֹת.